Hebr. Eg. 380
Sajzevits

די

# שיינע רחלע

דיא געשיכטע קען אלס איין פערשפעקטיווע דינען, יודען! קוקט זיך איין דרינען, איר וועט אין איר ריכטיג זעהן, וואס פאר איין וועלט אמאל איז געוועזען, איר וועט דעם אלער העכסטין ליבין, וואס ער האט אייך פון אלע צרות אויס געהויבען.

פערפאסט פאן **שמר**.

הזכות מכרתי לצמיתות להטרפים ה' מ"ץ.

נאכדרוק פערבאטין

## ווילנא

ШЕЙНЕ РОХЕЛЕ.
Прекрасная Рахиль. Разсказъ Шомера.
Собств. и изданiе Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА. Типографія Л. Л. Маца, Завальная улица
д. Вендорфа 1911 года.

אין דעם יאר 1752 איז ניט ערלויבט געוועזן יודען אין פורטו-גאל צו וואוינען, די איינוואוינער פון דר לאנד האבין גאר דעם נאמען יוד ניט געקענט הערין זיי האבין אים גירופען מיט די שענדליכסטע נעמען ווי צום בײשפיל: קעצער, אטהעאיסט, אונמענש, אונ דאס גלייכין, ווען עס איז נור דער מינדסטער חשד געוועזן אויף אײנעם אז ער איז ניט פרום אין דר קריסטליכע רעליגיאן האט מען אים גלייך אין געפײנקענים געווארפין וואו קיין זאנעשטראל איז ניט אריין גע-קומען. נאכהער האט מען אים די שרעקליכסטע יסורים אנגיטאן ער זאל זיך מודה זיין צו ער איז ניט קיין יוד, אונ ווען ער האט זיך יע מודה געווען האט מען אים פאר ברענט מיט גרויס פאראד.

פון דעסטוועגין האבין זיך יענע צייט פיל געהײמע יודין גיפונען אין פורטוגאל, אין אלע פורטוגאלישע שטעט האבין כמעט גיוואונט יודין וואס זיינען געוועזן פר מאסקירט אין קאטוילישן רעליגיאן מאסקע פלעגין עפענטליך זיין פרומע קריסטין, נור אין געהיים האבין זיי אפ געהיט אלע יודישע דינים, זיי האבין אויך גיהאט בתי מדרשים אין די קעלערין, וואו זיי פלעגין אויסגיסען זייער הארץ פר גאט, שידוכים פלעגין זיי טאן נור צווישען זיך, אונ קיינער האט ניט בעמערקט.

אין יענעם יאר 1752 האט גיוואונט אין דר רעזידענץ ליסאבון א געהײמער יוד מיטן נאמען היראנימוס ער איז געוועזן זייער רייך אונ בעליבט בײ יעדער מענשין, דען ער האט גיהאט זייער אגוט הארץ אונ פלעגט פיל אונטערדריקטע העלפין, אלע האבן אים גירעכינט פר א פרומען קריסט ווערענד ער איז געוועזן אנוואנער יוד, בײ אים אין קעלער האבין זיך גיפונען אייניגע ספרי תורות מיט אסך יודישע ביכער דען ער איז געוועזן א גרויסער למדן, אונ ווען ער האט נור צייט גיהאט איז ער גיזעסין אין דעם אונטער ערדישען צימער אונ האט גילערינט. זיין פרוי מארגארעטע איז אויך געוועזן איין אשת חיל אונ האט געהיט יודישקייט ווי ווייט זיא האט געקענט. די עלטערן האבן די ליבע צום יודישין גלויבען איין גיפלאנצט אויך אין זייער איינציגע אכצען יאריגע טאכטער רחל, וועלכע איז געוועזן בעשאנקען פון דר נאטור מיט אלע טייערסטע מתנות, דען זיא איז געוועזן אזא שונה

דאס איד גלייכן איז ניט גיוועז צו גיפינען אין גאנץ ליסאבאן, דאצו איז זיא גיוועז קלוג אונ געבילדעט אז די גרעסטע גילערטע האבין מיט איר פערגעניגען גיהאט צו שפרעכין. די עלטערין האבין אויף זייער טאכטער גיקוקט וויא אויף אטייערין שאץ וועלכין נור זייא אליין בעזיצען, זיא איז גיוועז זייער פרייד אונ זייער טרייסט אין דער עלטער (דען זייא וואהרען שוין ביידע דאמאלס ניט יונג).

גיוויינליך האבין זיך ארום דעם אוצר גיקליבען יונגע לייט ווי בינען ארום האניג, די גרעסטע מאגנאטין אונ די רייכסטע קאוואלערן האבין גיוואלט דעם שאץ בעזיצען, זיי האבין אבער אלע גיקריגען איין אטקאז אונ קיינער האט גאר ניט פערשטאנען ווארום וויל אים דיא שיינע רחל ניט בעגליקען מיט דעם טייערין אנטווארט יא.

דר שאצמיניסטער פון פורטוגאל, יאאן דע מענצעסטער האט אזון גיהאט אנטאניע, איונגער מאן פון 24 יאר, דער יונגער מענש וואר בעוואוסט אין גאנץ פורטוגאל פר איין ארינטליכען מאן, ער איז גיוועז גיבילדעט אונ קלוג דאבּיי איז ער גיוועז אמוטהיגער העלד דס זיין גלייכין איז אין דר גאנצער לאנד ניט גיוועז, פאר אים האבין זיך די גרעסטע העלדן גישראקן, דען ער איז גיוועז שטארק אונגאטירליך אויפין געזיכט האט ער ניט אויס גיזעהן אזו קרעפטיג, דען ער איז גיוועז צארט אונ פון מיטלער וואוקס, זיינע וואנגען האבין אין זיך עטוואס רויטקייט געהאט, אונ פון זיינע אויגין האט ארויס גיקוקט איין מילדע זעלע, נור די מענשין וואס האבין אים גיקענט האבין גיוואוסט אז זיינע הענט איז פון אייזין אונ ער איז פלינקער פון איין פייגיל. דיזער יונגער העלד האט פיל מאל גיהערט ריטען די פריילין רחל, נור אים איז ניט אן גישטאנען זיך מיט איר צו דר קאנען ווייל זיא איז גיוועז אטאכטער פון איין נייא קריסט *).

רחל האט גרויס לוסט גיהאט צום רייטן, זיא האט שוין גיהאט איר פערד, אונ יעדער נאך מיטאג פלעגט זיא מיט דר בעגלייטונג

פון

---

*) די ניי קריסטען האבין זיך גערופין די קריסטען וואס זיינען גיוועז די העמלינגע פון יודען וואס האבין זיך אמאל געטויפט.

פון איין דינער וועלכער פלעגט איר נאך רייטען אין די אומגעגענד פון פורטיגאל אויף איר פערד ארום נאלאפירען.

אמאל נאך מיטאג איז רחל וויא געוואונליך ארויס פון שטאט רייטענדיק, האט איר דינער גיזאגט: פריילין מיר זיינען נאך נימאלס גיוועזן אין דעם וועלדיל טיפאלי (אמייל פון שטאט) דארטין מוז זייער אנגענעם זיין, עס איז ניט ווייט פון היר קומט לאמיר אהין פארין.

רחל וואס האט קיין איבערנאטירליכעס ניט גיקלערט האט אים גיפאלגט אונ איז מיט אים גירייטען אין וועלדיל טיפאלי.

אום דעם לעזער קלאר צו מאכין ווארום האט דער קנעכט גיוואלט אהין פארין, וועלין מיר דא דערציילין די אורזאכע.

צווישען דיא חתנים וואס האבין זיך צו דער פריילין ראשעל געשדכינט איז גיוועזן אגעוויסער גראף לעווידוס דע קיניאן, ער איז ביי זיך גיוועזן זייער גרויס אונ שטאלץ ווי ארייכער גראף, ער האט די פריילין רחל שטערבליך גיליבט, אונ ער האט ביי זיך גירעכינט אז ביא רחלן אונ ביא אירע עלטערין וועט דאס אגרויסע עהרע זיין ווען ער וועט ביי דיא שיינע פריילין איר האנט בעטין. וויא פערשעמט אונ וויא צארניג איז ער אבער גיווארין אלס רחל האט אים גיזאגט: איך קאן אייער פרוי ניט זיין, זיין צארין איז גיוועזן זייער גרויס, אונ ער האט ביא זיך בעשלאסין ראכע צו נעמען ביי די שטאלצע פריילין. לאנג האט ער גיקלערט וואס צו טאן, אונ אם ענדע איז ער גיפאלין אויף איין שענדליכען פלאן, דען ער האט גיוואוסט אז רחל רייט ארויס יעדען טאג שפאצירען מיט דער בעגלייטונג נור פון איין קנעכט, האט ער דעם קנעכט גיגעבין פיל געלט אז ער זאל איר אריין פירען אין דעם וועלדיל, ער האט שוין דארטין גיווארט מיט אייניגע בעדינטע וואס זיינען גיוועזן שטארק בעוואפענט ער האט נור גיוואלט איהר ענטעהרען...

די שיינע רחל האט אויף שלעכטס ניט גיקלערט האט זי מונטער נאלאפירט אויפין פערד גלייך אין וואלד. ווי זיי זיינען נור טיפער אין דעם לויבבייכען וועלדיל אריין איז ארויס געלאפין דר גראף לעווידוס מיט זיינע בעדינטע אונ האבין פערהאלטין איהר פערד.

רחל

רחל איז שיר אין אונמאכט גיפאלין פון שרעק.

ניי אראפ פון פערד! האט דער גראף איר בעפוילען.

מיין גאט וואס איז דא מיט מיר? — האט די דערשראקענע רחל געשריען — גראף! וואס ווילט איר דא טאן?

ניי אראפ פון פערד, איך וועל דיר שוין באלד זאגין וואס איך וויל מיט דיר טאן — האט דר שענדליכער מענש גיענטפערט.

רחל האט פרשטאנען אז מיט איר איז דא ניט פריילך האט זיא פון פערד ניט גיוואלט אראפ גיין, נור דר גראף האט גיגעבין א וואונק צו זיינע דינער אונ זיי האבן איר מיט גוואלד גינומען שלעפן פון פערד, דאמאלס האט רחל אן געהויבין צו שרייען, אונ ווי פון הימעל איז אריין געשפרונגען אין וועלדיל א רייטער, דר גראף האט דעם רייטער דרזעהן איז ער גיווארין בלאס ווי דר טויט, אונ האט גיזאגט צו זיינע בעדינטע: אנטאניע איז דא, איך מוז פליען נור איר שמייסט מיט אלע קרעפטין. ער איז ווירקליך פר שוואונדין געווארין דר רייטער איז צו געשפרונגען אויף רחל'ס גישריי אונ האט גיפרעגט וואס איז דאס?. — רעטעט א רעטעט מיין הער! האט רחל ביי אים גיבעטין, מען וויל מיך אונגליקליך מאכין איך ווייס ניט פאר וואס.

דר רייטער איז געבליבען וויא פערשטיינערט אויף זיין פערד זיצען דען ער האט דא דרזעהן אזא בילד וועלכין ער האט אויף קיין שיינער קארטינע ניט גיזעהן. נור באלד האט ער זיך גימוטהיגט אונ האט גיפרעגט ביי די בעדינטע וואס זיי ווילען. — מיר האבין בעפעל די פריילין גיפאנגען צו נעמען, האט איינער פון זיי גיענטפערט.

ווער האט דאס אייך בעפוילען? האט אנטאניע גיפרעגט.

איינער פון די גרעסטע מענער אין ליסאבאן, איז גיוועזן דער אנטוואורט. — אויב אזו, בעפעל איך אייך איר זאלט די מינוט די שיינע פריילין בעפרייען, אויב איר ווילט ניט מיט מיר גיין טאנצין.

מיר קאנען דיין פערלאנג ניט ערפילען, מיר מוזען די פריילין ברייגען צו אונזער הערין, האבין אלע בעדינטע גיענטפערט.

אנטאניע האט לאנג ניט גיקלערט, אונ האט ארויס גינומען זיין זעביל אונ וויא אלייב איז ער ארויף גיפאלין אויף די באנדיטען.

עס איז געוואָרען אשטארקע שלאַכט, די בעדינטע האבען זיך אנטקעגען געשטעלט עס האט אָבער לאנג ניט גידויערט זיי זיינען דרייא געפאלין טויט; אונ צוויי זיינען אנטלאָפען געוואָרען איינער אָן אהאנט דר צווייטער אָן א אויג. רחל איז געפאלין דעם העלד צו די פיס אונ מיט טרערין האט זיא אים באַדאַנקט וואס ער האט איר גירעטעט.

דר יונגער העלד האט איר אויף גיהויבען פון דער ערד אונ האט איר גיטרייסט „מיך פרייט זייער" האט ער געזאָגט „אַז גאט האט מיר דאס גליק גישיינקט צו רעטין אַזא העַרליכע פריילין ווי איר זייט. זאָגט מיר נור ווער האט דאס אייך געוואָלט אומגליקליך מאַכען, איך וועל זיך שוין מיט אים אָפ רעכענען.

דר אָן פירער פון דעם סקאנדאל איז דר גראף לעווידוס דע קיניאן וואס ער האט צו מיר ווייס איך ניט, האט רחל געענטפערט.

זאָגט מיר שיינע פריילין ווער זייט איר? האט ער גיפרעגט.

איך בין הירצנימוס דע קאסטראס אטאכטער.

אזוי? זייט איר דאס די שיינע רחל פון וועלכע איך האב פיל מאל גיהערט?. יעצט זעה איך אַז די וועלט איז ניט דום, איר זייט אַלעס ווערט, נור איך זעה אַז איר זייט זייער דערשראָקען, ערלויבט דאך מיר געהערטע פריילין אייך ביז צו אייער הויז בעגלייטין.

איך נעם אָן אייער בעגלייטונג מיין רעטער, מיט די גרעסטע דאנקבארקייט איך וועל אייך צייט לעבין ניט פארגעסין.

זיי זיינען גלייך געפאָרין אין שטאט אנטאניע האט איר בעגלייט ביז צו איר פאטערס הויז. — רחל האט דערציילט אירע עלטערין אלס וואס מיט איר איז געווען אונ ווי דר אַדעלער אנטאניע האט איר גע-רעטעט, וויא ער האט זיין לעבין איין געשטעלט צו ליב איר, די צארטע עלטערין זיינען געפאלין דעם יונגען העלד צו די פיס אונ האבין אים פון טיפען הארצין בעדאנקט. נור דר אַדעלער מענש האט גאר קיין דאנקבארקייט ניט געוואָלט אָן נעמען אונ איז גלייך אַוועק גיפאָרין אַהיים מיט אקלאפעדיגע הארץ, ער האט געפילט אַזא פערגעניגען וועלכע ער האט נאך זיין גאנצין לעבין ניט געפילט, ער איז געווען גוויסער זיך פר פרייד, אונ אַז ער איז אַהיים גיקומען האט ער קיינם

ניט

ניט דערצײלט דערפון, ער האט זיך פערשלאסן בײ זיך אין צימער אונ האט זיך פערטראכט אין זיסע פאנטאזיען, ער האט אלײן ניט גע-וואוסט זיך רעכענונג אפ צו געבן ווארום איז ער אזו גליקליך ?

2.

די שײנע רחל האט א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפן, דער אונגליק וועלכער איז איר אזו נאהענט געשטאנען איז איר פון זינען ניט ארויס, זיא האט מיטען גאנצן הארצן גידאנקט דעם טײערן אנטאניע וואס האט איר גירעטעט, „וואס פאר א טײערער מענש דאס איז! האט זיא צו זיך אלײן גיזאגט, „וואס פאר א העלד ער איז! אזא מוט אונ אזא קראפט פאסט מער ניט וויא פאר אײן ענגעל, איך רעכין אז ער איז גאר קײן מענש ניט, ער איז נור פון הימעל אראפ געשיקט געווארין מיר צו רעטין, ווארום האב איך אים ניט גיפרעגט וואס ער איז? וואו איז זײן וואױנונג? ווער ווײס צו וועט ער נאך אמאל קומען אין אונזער הויז, ווער ווײס צו איך וועל אים נאך אמאל זעהן.

אזעלכע גידאנקען האבין זיך בײ איר אין קאפ א גאנצע נאכט גיווארפין, נור פאר טאג איז זיא אנגשלאפין געווארין, זיא איז אויף גישטאנען בלײך אונ אונרוהיג. די עלטערין האבין גירעכינט דאס פון נעכטיגע שרעק איז זיא צוטראגין, דערום האבין זײ איר גיראטען זיא זאל א גאנצין טאג פון איר צימער ניט ארויס, זיא איז אבער יעדען אויגענבליק אויפין גאס ארויס גיגאנגען טאמער וועט זיא דעם הימעלשן העלד זעהן, זיא האט יענעם טאג טוזינט מאל זײן נאמען דר מאנט, אונ האט ניט אויף גיהערט אים צו ריטען. אונ ווי גרויס וואר איר פרײד אבינט צײט איז זיא גיזעסן אלײן אין צימער פערטראכט האט זיך די טיר גיעפינט אונ איר הימעלשער העלד איז ארײן.

וואס מאכט איר שײנע פרײלין? האט ער גיזאגט מיט זײן זאנפטע שטים געבענדיג איר די האנט, האט איר זיך שוין ערהאלט פון אײער שרעק? האט איר שוין פערגעסין נעכטיגע שרעק?

פון מײן שרעק האב איך זיך שוין לאנג ערהאלט מײן הער, האט רחל גיענטפערט דריקענדיג זײן האנט, נור די ניעפריאטנאסט וואס איך האב גיהאט האב איך ניט פערגעסין, דען איך קען ניט

פאר

פאר געסין די הילף וואס איהר האט מיר געבראכט, איך חיים ניט מיט וואס קאן איך אייך אפ דאנקען מיין הער?

מיט דעם וואס איר וועט זיין מונטער אונ געזונט דס וועט ביי מיר דר גרעסטער אונ בעסטער דאנק זיין, האט ער געענטפערט.

דאס איז נאך אלץ ווייניג, פאר מיין מונטערקייט אונ מיין געזונד בין איך אייך דאנק שולדיג ווען ניט איר וואלט איך אלץ פערלירן.

ביי מיר וועט אויך אלס דאנקבאר בעטראכט ווערין ווען איך וועל מיט אייך איינינע מינוטין פר ברייגגען, ווען איר וועט מיך פון דאנען ניט ארויס יאגין וועל איך איין אפטער נאכט ביי אייך זיין.

אייך ארויס יאגין? קאנט איר זיך ערלויבען זעלכע ווארטין צו שפרעכין? האט רחל געזאגט העכסט אויף געבראכט, איך האב היינט דעם גאנצין טאג אייך ערווארטעט וויא איין אונגליקליכער ערווארטעט גליק, אונ וויא איך האב אייך דערזעהן האבין זיך אלע מיינע נערפין ערקוויקט, אונ איר רעט אזעלכע ווערטער?

די ווערטר וואס זיינען ארויס פריי פון רחלס מויל האבן שטארק געווירקט אויף אנטאניען, ער האט אקוק געטאן אויף רחלס געזיכט אונ האט באלד די אויגין אראפ געלאזין דען ער האט ניט געקענט פר טראגין דעם צויבער וואס זיא האט געהאט, ער איז געוועזן וויא בע-טרונקען אונ האט פון גרויס ענטציקונג אוואורט ניט געקענט רייזן.

אזו מיין הער! האט רחל געזאגט, איר האט מיר העכסט בעליידיגט מיט אייערע ווערטר, איר האט מיר צו פערשטיין געגעבין אז איר רעכינט מיר פאר איין אונדאנקבארע. — איך רעכין אייך פאר א געטין פר איין אונגאטירליכם וועזען! האט אנטאניע געזאגט בעגייסטערט, אונ ווען איך האב זיך ווירקליך פערשולדיגט געגין אייך מיט מיינע ווערטער, אזו בעט איך אום פערצייאונג.

איך וועל אייך ניט פערצייען ביז איר וועט מיר אייער ווארט געבין דאס איר וועט מיר טעגליך בעזוכן, טעגליך זאג איך איר זאלט איין טאג ניט איבער לאזין מיר דאס פערגעניגען פערשאפין מיט אייך מיין רעטער צו שפרעכין, זאגט איר דאס מיר צו?

יא איך פערשפרעך דאס אייך טייערע רחל איך וועל זאגאר

אויף אייך צו לאסט פאלין מיט מיינע וויזיטען.

איר רעט ווייטער אזעלכע ווערטער צו לאסט? איך האב דאך אייך איין מאל גיזאגט דאס קיין גרעסערין פערגעניגען ווינש איך מיר ניט וויא מיט אייך טעגליך צו זעהן, האט רחל גיזאגט.

ווען אזו? זא ווינש איך עוויג מיט אייך זיין ביי זאמען, זיך אויף עוויג מיט אייך פערבינדען טייערסטע רחל, האט ער גיזאגט אונ איז גיפאלין אויף די קניא פר איר. — רחל האט אים פריינדליך גיגעבין די האנט אונ מיט אצארטע שטים האט זיא גיזאגט: איך בין אייערע אנטאניע! איר האט מיין עהרע גירעטעט אונ מיין לעבין זא גיהער איך צו אייך. — גאר אין דעם אויגענבליק וואס אנטאניע האט גינומן איר האנט אונ האט אויף איר זיין הייסין קוש אן גיזיגעלט האט רחל ארויס גיריסען איר האנט אונ האט געטאן אגעשריי: מיין גאט וואס האב איך גיטאן? אונ מיט די רייד איז זיא ארויס פון צימר.
אנטאניע איז גיבליבען ליגען אויף די קניא, ער איז געווארין העכסט צארניג, זיא לאכט פון מיר? האט ער געשריען, אט דאס איז מיין ניצאלט וואס איך האב מיין לעבין פר איר איין גישטעלט, זיא לאכט פון מיר, איך וועל איר די מינוט צום טויט שלאגין! אונ האט זיין זעביל ארויס גיצויגען אונ האט גיוואלט לויפין צום טיר נור אויפין שוועל האט ער זיך אפ גישטעלט אונ האט זיך פערטראכט, ניין דאס איז ניט גיוועזן קיין גילעכטער! האט ער צו זיך אליין גיזאגט, זיא האט ערינסט גימיינט זיא האט ניט געלאכט! נור ווארום האט זיא פלוצלונג איר האנט אויס געריסען אונ איז אנטלאפין געווארין? זיא האט זיך עפעס וויא דערמאנט, ניין! זיא איז דא גאר ניט שולדיג! דא מוז שטעקין א געהיימנים, מען מוז דערגיין וואס דא איז, ער האט אריין גישטעקט צוריק דעם זעביל אונ איז אויך ארויס פון צימער נור ער האט זיך ניט גיקאנט בעשליסען וואס צו טאן, צו אנהויבין זוכן די געהיימנים, צו קומען איין אנדער טאג, ער האט זיך בעשלאסן אויף דעם צווייטין פלאן אונ איז אוועק אהיים.

ער האט אבער אין דרהיים אויך ניט גיקענט איין זיצען, ער האט גאר ניט גיקענט פערשטיין די אורזאך פון אזא פלוצלונגע פר

ענדערונג, „...‚ ליבט מיך! דאס איז קיין צווייפעל“, האט ער פיי זיך גיקלערט „מען קען פערשטיין וויא ליבליך זיא האט אויף מיר גיקוקט, יעדער וואָרט איז איר פון טיפען הארצין ארויס, נור דא שטעקט איין זאנדערבארע זאך וועלכע ערלויבט איר ניט מיך צו ליבען, ארימע רחל! ווי מוז זיא זיך יעצט קריינקען וואס זיא האט מיך אזו בעליידיגט, זיא מוז גוויס קלערין אז איך בין אויף איר בייז, איך מוז צו איר צוריק גיין און איר זאגין דאס איך בין ניט בייז אויף איר און איך פערצייהע איר, פיליכט וויל זיא אן איר עלטערינס ערלויבניס מיר איר וואָרט ניט געבין, פיליכט איז זיא מאקע צו די עלטערין גילאפין פרעגין און בעטין ביי זיי ערלויבניס, יא! דאס איז גוויס, הא? צו דיא עלטערין? און וואס איז דאס גיוועזן פאר אוועקמור „מיין גאט וואס האב איך געמאן“! די ווערטער ווייזען אויף אוויכטיגערע זאך וויא די ערלויבניס פון אירע עלטערין דאס איז זאנדערבאר! — אזעלכע גידאנקן האט אנטאניע גיקלערט די גאנצע נאכט, אים האט זיך די נאכט אים געצויגין וויא אייביגע עוויגקייט, ער האט גיוואלט וואס צום גיכסטין לויפין צו רחל'ן איר פרעגין וואס דאס איז? — וואס מער ער האט גיקלערט האט זיך אים רחל אלין מער פארגישטעלט געטליך און ליבער. אלע גלידער האבין אים געציטערט אז ער האט זיך דערמאנט וויא רחל ליידעט דערפון וואס זיא קלערט אז ער רעכינט איר אנטלויפין פאר איין בעליידיגונג. ער האט קוים דער צויגין די נייעטע שטונד אויפין טאג און איז געלאפין צו רחל'ן. יעדער פארבייא גייענדער האט גיקענט הערין די קלעפ פון זיין ברוסט, און פערשטיין אן זיין געזיכט ווי פעראינטרעסירט ער איז אין אוויכטיגע זאך.

3.

אנטאניע האט זיך ניט געאירט אין דעם געדאנק דאס רחל מוז זיך קריינקען דאפאן וואס זיא האט אים אזו בעהאנדעלט. זיא איז אויסער זיך גיוועזן, וועמען האב איך דאס גיגעבין אפאן אין בנים? האט זיא צו זיך אלין גירעט, וועמען האב איך אזו בע-האנדעלט? מיין רעטער, וואס נור אים האב איך מיין לעבין צוא

פאר

פאר דאנקען, דעם שאץ מיניסטערס אזון, וואו איז ־ין פערשטאנד גיוועזן, נור איך האב דאך גימוזט אזו טאן, איך בין מער ניט שולדיג אין דעם וואס איך האב פריער ניט בארעכינט אז איך בין ווייט פון אים ווי מזרח צו מעריב . . . אך וואס פאר אהערליכער מענש דאס איז, איין אנדערער אויף זיין ארט וואלט מיר געוויס דעם קאפ אויף צווייען שפאלטען פר אזא בעליידיגונג. מיין גאט ! ווארום איז ער ניט פון מיין גלויבען, איך פיל אז ער ליגט מיר טיף אין הערצין, נאר וואס קומט ארויס דערפון, וויא בעקאם איך אים צו זעהן איך וואלט צו זיינע פיס פאלין אונ אים פערציייאונג בעטין, נאר געוויס וועט ער שוין אהער ניט קומען ער וועט שוין מיר ניט וועלין קענען.

דר געדאנק אז אנטאניע וועט שוין מער ניט קומען האט איר אזו צו גערריקט דאס זיא איז עטליכע מאל יענע נאכט פון בעט ארויס גישפרונגען אונ איז גילאפין וויא צומישט איבער איר צימער אירע אויגען האבין ניט אויף גיהערט צו גיסען טרערין, אירע זיפצען זיינען גילאפין איינס נאך דעם אנדערין פון הארצין, זיא האט קוים ערלעבט טאג, אונ האט ביי זיך בעשלאסין צו גיין צו אנטאניען אהיים אים בעטין ער זאל איר פערצייען. נור זיא האט קיין מוט ניט געהאט דאס צו טאן. — אלס די אוהר האט געשלאגין ניין, האט זיא דרהערט אקלאפ אין טיר איר הערץ האט אן געהויבין צו ציטערן אונ וויא פון אקויל געטראפין איז זיא פון ארט אויף גישפרונגען אז זיא האט אנטאניען דערזעהן, זיא האט אין דער מינוט אלין פאר־געסין אונ איז אים אויפין האלז גיפאלין אונ האט זיך שטארק צו ווייגט אונ האט אוואַרט גיט גיקענט ריידין. — אנטאניע איז שטארק גע־רירט געווארין פון איר וויינען, ער האט איר געטרייסט, נור זיא האט זיך ניט גילאזט טרייסטין. — טייערע רחל זאגט מיר אום גאטס ווילען וואס איז אייך ? האט ער איר גיפרעגט, איך פערשטיי דאס אייך פעלט עפעס. — מיר פעלט מיין נשמה מיין הערץ, האט רחל גיענטפערט מיט אגעוויין. — אבער זאגט דאך מיר וואס אייך איז אין וואס בעשטייט אייער אומגליק ? איך וועל אלע קרעפטין אן ווענדין אייך צו רעטין, איך וועל טויזענד מאל מיין לעבין איין

שטעלין

שטעלין פון אייערט וועגין. — איר קאנט מיר מיין פריינד נאר ניט העלפין, האט רחל געזאגט איך בין אויף אייביג אומגליקליך, פרעגט מיך נאר ניט אין וואס מיין אומגליק בעשטייט, דען איך טאר דאס ניט ענדעקין פיר קיינעם אין דער וועלט.

פילייכט האט איר שוין איינעם ליבע פערשפראכין?

ביז אייך האב איך גאר ניט געפילט וואס איז ליבע. — ביז מיר? האט אנטאניע געזאגט, בין איך אזו גליקליך דאס איר ליבט מיר?— אויב איר רעכינט דאס פאר אגליק ווייט איר אזו אומגליקליך וויא איך ליבער פריינד, האט רחל געענטפערט.

פילייכט ערלויבען אייך אייערע עלטערין ניט מיך צו ליבען.

א ניין! מיינע עלטערין זוכין נאר מיין גליק דארט וואו איך זוך אים, זאגט זעה מיר אום אונזער ליבע וועגין וואס שטערט אונזער גליק, איך זאג אייך צו פריילין דאס מיין זעלע אפפער איך אום אונזער וועג אב צו ראמען. — איך וואלט אייך זאגין נור איך פירכט דאס אייער ליבע צו מיר וועט זיך אין איין האס פערוואנדלען.

אין איין האס זאגט איר? אייך האסען? קאן איין מענש זיין זעלע אויף איין אנדערע פערטוישען, אזו קאן איך אייך ליבסטע רחל אויף איין אנדערע פערבייטען, איך וועל נור אייך ביז מיין לעצטין אטעם ליבען, איר מאגט מיר אלעס זאגין.

זעט ליבער אנטאניע איך פערלאז מיך אויף אייך איר זאלט וויסען דאס איך קאן אייער פרוי אייביג ניט זיין דען...

ווארום ענדיגט איר ניט רחל? איך ביטע: זאגט שעמט זיך ניט.

איר מוזט מיר פריער אייער ווארט געבין אז איר וועט נימאנדין ניט איין ווארט זאגין דערפון וואס איך וועל אייך זאגין, האט רחל געזאגט ערשראקין. — איך גיב אייך מיין ערענווארט, דאס נור ביי מיר אין הערצין וועט אייער געהיימניס בלייבין, איך וועל אים זאגאר מיינע ליפען ניט פערטרויען, האט אנטאניע געזאגט געבינדיג זיין האנד רחלן. — איך גלויב אייך אנטאניע איר זייט איין ערליבער מאן. דארום ענטדעק איך אייך דאס איך בין איין יודין.

אנטאניע האט געגעבין אשפרונג איינגע טריט אהינטער.

זעט איר ליבער פריינד, איך האב אייך אלץ פערטרויט, יעצט האף איך דאס איר וועט שוין גליקליך זיין, איר וועט מיך שוין ניט ליבען אונ זאגאר מיך ניט איין מאל דערמאנען.

ניין איך ליב אייך יעצט אויך ליבע רחל, האט ער געזאגט נאך דעם אז ער האט איינינע מינוט געקלערט, איך בלייב אייך אייביג טרייא. — אבער וואצו נוצט יעצט אונזער ליבע טייערער אנטאניע? — איך וויל גאר ניט וויסען וואצו אונזער ליבע נוצט, איך וייס מער ניט ווי דאס מיין הערץ געהערט נור צו אייך, און אייך האט ביי מיר דער גאנצער לעבין קיין בעטרעף ניט. די צוויי יונגע מענשין זיינען זיך געפאלין אויף די העלזער, זיי זיינען געוועזען בעטרונקען פון ליבע זיי האבין די גאנצע וועלט אין דער מינוט פארגעסין. אזוי זיינען זיי געשטאנען אהיפשע צייט, אונ האבין ניט בעמערקט וויא אין דער מינוט איז אריין הירואנימוס. אונ אלס ער האט דערזעהן זיין טאכטער אין די הענד פון אקריסט, זיינען אים אלע גלידער אפ געשטארבין. אונ ניט ווילענדיק האט ער אנגעשריי געטאן: וואס איז דאס רחל? — ווי אמענש וואס תאפט זיך אויף פון חלום האבין זיך די צוויי געליבטע אויפגעחאפט. אלס זייא האבין דערהערט די פראגע אונ וויא פערשעמט אונ דערשראקין זיינען זיי געוואורין אז זיי האבין הירואנימוסען דערזעהן.

רחל איז גלייך צום פאטער צו אונ אים געפאלין אויפין האלז אונ האט ביטער געוויינט. איך בין אומגליקליך ליבער פאטער! האט זיא געשריען איך בין די אומגליקליכסטע אין דר וועלט, דען איך ליב שטערבליך אנטאניען.

אבער מיין טאכטער האסט דוא פערגעסין דאס?...

א איך האב דאס גאר ניט פערגעסין, איך וייס דאס איך בין פון אים וייט, אונ דארום בין איך אומגליקליך.

מיין הער! האט אנטאניע געזאגט, איך וויס אויך וויא אונמעגליך אונזער פערבינדונג איז, איך קאן אייך פערשפרעכין אז איך וועל נימאלס וועגין איין פערבינדונג דיינקען, נור ערלויבט מיר די פערגעניגען אייער ליבע טאכטער אפט צו בעזוכין, דאס וועט

בַּייא מִיר דִי בֶּעסְטֶע בֶּעצָאלוּנְג זַיין דַאפִּיר וָואס אִיךְ הָאבּ אִיר לֶעבֶּן גִירָעטָעט. — אִיר וַוייסְט דַאס אַיין פֶערְבִּינְדוּנְג אִיז הִיר אוּנְמֶעגְלִיךְ? הָאט הירֹאנִימוּס גִיפְרֶעגְט עֶרְשְׁרָאקִין, וָואס וַוייסְט אִיר דֶען?

פֶערְצַייהֶע דָאךְ מִיר טַייעֶרֶער פָאטֶער, הָאט רחל גֶעזָאגְט, וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעם הֶערִין אנטאניע אַלְס עֶנְטְדֶעקְט, אוּם דָאס עֶר זָאל וִויסֶען וִויא וַוייט אִיךְ בִּין פוּן אִים, עֶר זָאל וֶועגִין מִיר נִיט דַיינְקֶען, עֶר אִיז אַבְּרַאוֶוער עֶרְלִיכֶער מַאן, עֶר וֶועט אוּנְזֶער גֶעהַיים נִיט עֶנְטְדֶעקִין. — מַיין גָאט וָואס זָאגְסְט דוּא ראשעל? דוּ הָאסְט עֶנְטְדֶעקְט אַז מִיר זַיינֶען . . . הָאט הירֹאנִימוּס אַנִישְׁרַייא גֶעטָאן.

שְׁרֶעקְט זִיךְ נִיט מַיין הֶער אִיךְ שְׁוֶוער אַייךְ בַּיי אַלְס וָואס הַיילִיג אִיז, אַז אִיךְ וֶועל נִיט אִין מַיין לֶעבִּין עֶטְוָואס דֶערְפוּן רֵיידִין

אִיךְ פֶערְשְׁטַיי אַז דוּ בִּיזְט אַהֶערְלִיכֶער מַאן אוּנ אִיךְ פֶערְלָאז מִיךְ אוֹיף דִיר, הָאט הירֹאנִימוּס גֶעזָאגְט אִים גֶעבֶּענְדִיג דִי הַאנְד, דוּ וֶועסְט גֶעוִויס נִיט פַארְגֶעסִין אַז מִיט אַיין וָוארְט קָאנְסְט דוּ אוּנְז אַלֶעמֶען אִין גְרֶעסְטִין אוּמְגְלִיק וַוארְפִין. דִיר אִיז עֶרְלוֹיבְּט צוּ אוּנְז יֶעדֶען טָאג צוּ קוּמֶען נוּר מִיט דֶעם בֶּעדִינְג דָאס דוּ וֶועסְט זִיךְ נִיט מֶער נוּר אַלְס גוּטֶער פְרַיינְד בֶּענֶעמִין מִיט מַיין טָאכְטֶער . . .

אִיךְ וֶועל אִיר נוּר אַלְס שְׁוֶועסְטֶער בֶּעטְרַאכְטִין, הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט.

4.

דֶער גראף לעווידוס דע קיניאן, אִיז אַרוּים גִיגַאנְגֶען פוּן יֶענֶעם טָאג אַלְס זַיינֶע בֶּעדִינְטֶע זַיינֶען עֶרְשְׁלָאגִין גֶעוָוארִין אוּנ רחל אִיז זָא אוּנְעֶרְוַוארְטֶעט בֶּעפְרַייט גֶעוָוארִין פוּן זַיין הַאנְד, נוּר מִיט דֶעם גֶעדַיינְק רַאכֶע צוּ נֶעמֶען פוּן רחלן אוּנ פוּן אנטאניען, אוּנ זַיין צָארִין וַואר נָאךְ גְרֶעסֶער אַלְס עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט אַז אנטאניע גֵייט אַלֶע טָאג צוּ הירֹאנִימוּס'ן אִין הויז, עֶר הָאט פִיל פְלֶענֶער גִימַאכְט אוּנ הָאט זִיךְ מִיט פִיל גוּטֶע פְרַיינְד וָואס זַיינֶען נִיט גִיוֶועזֶען בֶּעסֶער פוּן אִים מְיַישֵׁב גִיוֶועזֶען וָואס צוּ טָאן, נוּר קֵיינֶער הָאט אִים קֵיין רַאט נִיט גִיקֶענְט גֶעבִּין. — צְווִישֶׁען זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אִיז גִיוֶועזֶען אַיעֶזוּאִיט הערִיקוֹל, אַיין אַלְטֶער מַאן אַנְרוֹיסֶער חכם להרע. דִיזֶער הָאט אִים אַמָאל גֶעזָאגְט דָאס עֶר הָאט אַפְּלַאן אוּם אִיבֶּער צוּ פִירֶען רחל'ן מִיט

אירע עלטערן נור ער קאן דאס ניט זאגין ביז ער וועט אין פאל-
קאמענהייט ברייננען זיינע גידאנקען . לעווידוס האט אים פיל נאלד
צו גיזאגט ווען ער וועט דאס אויס פירען, אונ דר אלטער יעזואיט
האט זיך אונטער גינומען זיינע פלענער טריא צו בעפאלקאמען .
ער האט זיך פערקליידעט אין ארימע קליידער אונ איז אפריימא-
פאר נאכט אריין גיקומען צו היראנימוס'ן נאך א נדבה . דר נומער
היראנימוס האט וויא געוואונליך אים א נדבה גינעבין אונ דערצו
אנגלאז ווין . דער אלטער האט זיך גיזעצט טרינקען אונ האט דר
וויל בעטראכט וואס אין שטוב טוט זיך , דאס איז גיוועזן פונקט
פרייטיג פערנאכט , מארגארעטע איז דאמאלסט גיוועזן אין קעלער
וואו זיא האט ליכט גיבענטשט אין אגרויסען זיבען רעריגען לייכטער
אונ היראנימוס האט גיוואלט אריין גיין אין זיין אונטער אירדישען
בית מדרש מקבל שבת זיין , נור צוליב דעם ארימען גאסט האט
ער זיך אויף געהאלטין .— דר אלטער חעריקול האט נוט בעמערקט
אז מארגארעטע איז ניטא , זא האט ער צופליים געווארט ביז זיא
וועט אריין קומען , ער זאל זעהן פון וואנען זיא קומט , אונ האט
זיך ווירקליך ערווארט, דען מארגארעטע איז אריין דורך א זייטיגע
טיר . דער קלוגער יעזואיט האט געוואלט וויסען וואוהין די טיר
קומט אריין אזו האט ער וויא פערבלאנדזעט ביי זיין הערויס גיין
די טיר גיעפינט אונ אלס ער האט דארטין בעמערקט טרעפ, האט
ער זיך גינעבין אהאפ צוריק , וויא איינער וואס האט די טיר ניט
געטראפין אונ איז ארויס דורך דער טיר וועלכע גייט פון הויז אין
גאס , ער האט אנגעהויבן די הויז צו בעטראכטין פון דרויסען וואו
דא איז די קעלער פענסטער אונ האט אבער ניט געפונען , ער האט
גלייך פערשטאנען אז די פענסטער קומען אריין אין הויף דארום
האט ער אנגעהויבען זוכען איין אריין גאנג אין הויף , דער טויער
איז אבער גיוועזן פערשלאסין אונ קיין אנדער טיר אין הויף איז
ניט גיוועזן , דארום האט ער געמוזט דאס מאל אוועק גיין . נור די
האפנונג האט אים בעלעבט אז ער וועט שוין אויף אריכטיגען וועג
קומען . — ער האט דעם נראף אן געזאגט אז זיין פלאן גייט פאר-

טרעפליך

פרעפליך גוט אבער וויא אונ וואס ? האט ער אים אלץ ניט גיזאגט.

דעם צווייטען פרייטאג איז דר יעזואיט גיקומען פריה צוא היראנימוסעס הויז , ער האט זיך אין הויף בעהאלטין צווישען דיא קאכברעס האלץ וואס זיינען אויפען הויף געשטאנען , אונ אלעס דער טויער האט זיך שוין פערשלאסין , איז ער ארויס פון זיין בעהעלטעניש אונ האט אן געהויבין זוכען די קעלער פענסטער , ער האט אזו לאנג געזוכט ביז ער האט גיפונען אקליין פענסטעריל וואס גייט אין איין אונטער אירדישען צימער אראפ , אבוואל דר פענסטעריל איז אויך גיוועזען פערהאנגען מיט אגראבע שטאק דאך האט דער פערפלוכטער יעזואיט גוט בעמערקט דאס דארטין איז ליכטיג אונ האט דורך דעם שטן פון פארדאנג בעמערקט מענשין וואס גייען ארום איבערין צימער , ער האט נאך צו געלייגט דיא אויערין אונ האט קוים גיהערט אגיזאנג פון אגיבעט .

נוא איז שוין יעצט קיין צווייפעל ניט אז זיי זיינען יודען , האט דער יעזואיט געזאגט צו זיך זעלבסט , יעצט איז שוין זייער צייט געקומען איך מוז גיין דאס בענאכריכטען דעם גראף לעווידוס די טויערין זיינען אבער גיוועזען פערשלאסען אונ דער יעזואיט האט געמוזט נעכטיגען אויפין הויף צווישען די האלץ. אגאנצע נאכט האט ער אלץ גיקלערט וועגין דעם גליק וואס אים שטייט דא דען דער גראף האט אים פיל געלט פערשפראכין אונ אויך מארגין אלס די טויערין האבין זיך גיעפינט האט ער זיך שנעל ארויס גערוקט פון הויף אונ איז געלאפין צום גראף .

דוא וועסט זיך וואונדערין ליבע לעזערין אלס דו וועסט הערין אז דער פערפלוכטער יעזואיט וואס האט צוליב געלט זיך געאפפערט אונ זיין לעבין אין געפאר גישטעלט , דער מענש אלס ער איז צו צום גראפס הויז האט ער זיך פלוצלונג אפ גישטעלט אונ האט ווי עס ווייזט אויס זיך בעדיינקט צו זאל ער בענאכריכטען דעם גראף פון אלעס צו ניט , אים האט עפעס דער סאוועסט וועלכער געפינט זיך אויך ביא דעם ערגסטין מענשין ניט געלאזין אזו געשווינד אום גליקליך מאכען אגאנצע פאמיליע , נור די אומנאטירליכע לוסט צו

געלט האט דאך אם ענדע איבער געוואונען, אונ ער איז פארט אריין געגאנגען צום גראף.

נוא יעצט גיב אהער געלד! האט ער געזאגט צום טיראנישען גראף, דיינע פיינד זיינען שוין ביי דיר אין די הענד.

איז דאס מעגליך? האט דער גראף אנגעשריי געטאן מיט די גרעסטע פרייד, דוא האסט זיי שוין געפאקט? יא זיי זיינען שוין אין די לאפקעס פון טויט! נור גיב מיר פאראוים די געלט וואס דו האסט מיר פערשפראכען. דער גראף האט גאר ניט גיקלערט אונ האט אים אפ געציילט צעהן טויזענד פראנק אין גאלד. יעצט קאן איך דיר זאגען אז חיראנימוס מיט זיין פרוי אונ טאכטער זיינען יודען דוא מאנסט פריי גיין אונ מאכען אן אפיסק ביי זיי אין קעלער וועסט דו אלעס געפינען וואס דו דארפסט. דער גראף איז אויסער זיך געווארין פאר פרייד, ער האט געקושט דעם יעזואיט אונ דער אלטער האט אים אלעס דערציילט, אויב אזו קאנען מיר דאך אנטאניען אויך בעשולדיגען דאס ער איז א יוד, האט דער גראף געזאגט, דען ער וויל דאך הייראטען מיט דער פערפלוכטער יודין רחל. ניין דאס טוא ניט דען ווען דו וועסט אריין מישען אנטאניען וועלין זיי אלע בעשפריים ווערין דען דוא דארפסט ניט פארגעסען דאס אנטאניע איז דעם שאצמיניסטערס זון. איך וועל דיר נעהמען וואס זיין ליבער אלטער, האט דער גראף געזאגט, איך וועל זיך דערווייל אפ רעכענען מיט די פאר פערפלוכטע מענשען אונ אויף אנטאניען וועט זיין אין אנדער צייט, ער וועט פון מיינע הענד ניט אנטלויפען.

5.

עס ליגט אין דעם מענשינס כאראקטער, דאס די זאך וואס איז אים אומעגליך צו בעקומען ערוועקט אין אים גרויס לוסט צו איר ביי אונזערע ליבענדע אנטאניע אונ רחל, איז אויך דער זעלבע פאל גיוועזן, וואס מער זיי האבין בעקלערט דאס זיי זיינען איינע פון די אנדערע ווייט האט זיך זייער ליבע אלין פערגרעסערט, קיין אנדער געדאנק איז ביי איהר ניט גיוועזן נור אנטאניע אונ דאס זעלבע האט אנטאניע קיין אנדער נאך ניט גיקלערט נאר וועגן רחלן. עס האט

זיך

זיך ביי זיי ניטאלס קיין רייד ניט אויס געשעפט , עס איז זייא קיין מאל אויף דעם געדאנק ניט ארויף וואס וועט זיין די ענדע פון זייער ליבע , דען דעם פערגעניגען וואס זיי האבין געפילט אז זיי זיינען ביי זאמען געזעסין האט יעדין זארג פון זיי פר יאגט, אויך היראנימוס האט אפט אין זייער געזעלשאפט אטייל גענומען , נור אין הארצין האט ער זיך שטארק געשראקין פון דר ליבע זאל עטוואס שלעכט'ס ניט ארויס קומען , אונ האט אלץ גיקלערט וויא צו ערווייטערין איינעם פון דעם צווייטען כל זמן עס איז דא צייט .

זיי זיינען אמאל געזעסין אלע צוזאמען אין אגרויסען זאל עס איז שוין גיוועזן אוהר צוועלף ביי נאכט אנטאניע האט נאך גאר ניט גיקלערט וועגין אפשייד נעמען , זיי זיינען גיוועזן פעראינטערעסירט אין אדיספוט וועגין איבער נאטירליכע זאכין . אנטאניע וועלכער איז גיוועזן אגעבילדעטער אונ אפריי געזאנענער מענש , האט בעהויפטעט דאס אומנאטירליכעס איז גאר ניטא , אונ ווען אמענש ערציילט דאס ער האט זאנדערבארעס גיזעהן ווי צום ביי שפיל גישטארבענע מענשין ארום גיין אדער שדים אונ דאס גלייכן דר מענש איז אליגנער דען דער מענש וויא באלד ער שטארבט ווערט ער אויס מענש אונ איז גלייך צו אשטיק האלץ , אונ דאס גלייכען שדים ווע זיי זיינען נור איבער נאטירליכע וועזען , אזו איז זייער ארט ניט אויף דער ערד וועלכע איז זייער נאטירליך געארדנעט , אויך האט אנטאניע אין אונגלויבען אויס גערריקט וועגן כישוף אונ וועגין קמיעות . ער האט אויף געוויזען דאס אמענש איז ניט אין שטאנד אויף דאס מינדעסטע איבער מאכין דאס וואס דער שיקזאל מאכט מיט נאטעס בעפעל . איר זייט נאך איונגער מענש מיין פריינד , האט היראנימוס געזאגט , דארום ווייסט איר ניט דאס וואס מיר אלטע לייט ווייסען פראקטיש . אט איך וועל אייך דרציילען א מעשה מיט קמיעות, אגעשיכטע וועלכע איך האב ביי געוואונט אונ איר וועט זעהן אז מען קען אזעלכע זאכין ניט אוועק מאכין . — דערציילט ! האט אנטאניע געזאגט .

הערט זע צו מיין פריינד , האט היראנימוס געזאגט , מיין

פאטער

פאטער האב איך ניט געקענט , נור מיין מוטער האט מיר דערציילט פון אים, מיין פאטער איז געוועזן אגעהיימען יודענס אזון מיין פאטער איז ביי אים געוועזן איינער, געוועהנליך האט ער דעם לעבין געלייגט אים צו מאכען פאר אלייט נור מיין פאטער איז געוועזן אמענש מיט פיל פעלערין , ערשטינס האט ער ליב געהאט דעם לוקסוס , ער איז געוועזן אפערשווענדער אונ אקארטען שפילער . צווייטענס האט ער ניט ליב געהאט זיין רעליגיאן , זיינע עלטערין האבין פיל שמערצין געהאט פון אים אונ האבין זיך מיט אלע קרעפטין בעמיהט אים צו שטעלין אויף אגוטען וועג עס האט זיי אבער ניט געגליקט .

זייא האבין גערעכינט אז ווען ער וועט הייראטען וועט ער בעסער ווערין דארום האבין זיי פיר אים אויס געקליבען אפרוי פון פיינעם שטאנד דאס איז געוועזן מיין מוטער, זיא האט ווירקליך אויף אים געווירקט אונ ער איז באלד נאך זיין חתונה פיל בעסער געוואָרן זיא איז שוואנגער געווארין אונ האט געהאט צוויי זין מיט אמאל מיר אונ נאך איינעם , זיינע עלטערין האבין שוין גערעכינט אז זיי וועלין שוין קיין צער פון דעם בן יחיד ניט האבין . אין יענער צייט איז מיין גראס פאטער שטארק קראנק געווארין, ער האט פערשטאנען אז זיין לעבין ענדיגט זיך האט ער אונז אלעמען צו גערופען (דאס הייסט מיין פאטער מיין מוטער אונ אונז ביידע ברידער וואס זיינען דאמאלס אלט געוועזן צו דריי יאר) , אונ האט אזו געזאגט : מיין זון ! איך מוז יעצט אבשייד נעמען פון דער וועלט , איך לאז אייך איבער אויף גאטעס הענט, איך בעט דיר דו זאלסט זיין איין ערליכר יוד , אונ זאלסט דיינע ליבע קינדער אויף ערציען אין יודישען גלויבען איך לאז אייך איבער דריי קמיעות וואס וועלין אייך היטען פון יעדען אומגליק , פר מיר אין די אויגען מוזט דו אנטאן איינע אונ דיינע קינדער צו איינע, דוא כוזט מיר אבער דערביי די האנד געבין כל זמן אייער לעבין די קמיעות פון אייער האלז ניט אויס טאן איך פארזיכער דיר אז זיי וועלין אייך פון אלע שלעכין היטען .

מיין פאטער האט אים געגעבין די האנד אלץ צו ערפילען אונ האט זיך אונ אונז גלייך אן געטאן די קמיעות . מיין גראס פאטער

איז

אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּין אוּנ מַיין פָּאטֶער הָאט גִיעָרְבְּט אַגְרוֹיסֶען פֶערְמֶעגֶן אָבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט הָאט נִיט גִיוֶוערְט אוּנ זַיין פֶערְמֶעגֶין הָאט עֶר אָן גֶעוָוארִין דֶען װֶער הָאט זִיךְ אִין אַקְרִיסְטֶען פֶערְלִיבְּט אוּנ הָאט אוֹיף אִיר דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר שְׁװֶוענְדֶעט. מַיין אָרֶעמֶע מוּטֶער אַז זִיא הָאט דָאס גִיזֶעהֶן, הָאט זִיא זִיךְ גֶעשְׁרָאקִין עֶר זָאל אוּנְז פַאר קְרִיסְטֶען נִיט מַאכִין, אִיז זִיא אַנְטְלָאפִין גֶעוָוארִין אַמָאל בַּיי נַאכְט מִיט אוּנְז בֵּיידֶען קַיין לִיסאבאָן צוּ אִירֶע אַשְׁוֶועסְטֶער זִיךְ פֶערְבָּארְגֶן אָבֶּער מַיין שְׁלֶעכְטֶער פָּאטֶער הָאט זִיךְ בַּאלְד דֶערְוואוּסְט וואוּ זִיא אִיז אוּנ אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען קַיין לִיסאבאָן. מַיין מוּטֶער הָאט אִים דֶערְזֶעהֶן דוּרְכִין פֶענְסְטֶער הָאט זִיא נָאךְ צַייט גֶעהַאט הַאפִּין מִיךְ אוֹיף דִי הֶענְט אוּנ אַנְטְלוֹיפֶען, אוּנ מַיין בְּרוּדֶער אִיז אַרַיין גֶעפַאלִין צוּ מַיין פָּאטֶער אִין דִי הֶענְד, וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעמַאכְט וַוייס אִיךְ נִיט: דִי קְמִיעָה טְרָאג אִיךְ אוֹיפֶען הַאלְז אוּנ הִיט זִיא וִוי דִי אוֹיג, אוּנ וָואס זָאל אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרֵיינְד פִיל דֶערְצֵיילֶען אִיךְ בִּין גִיוֶוען אִין פֶערְשַׁיידֶענֶע אוּמְגְלִיקֶען אוּנ אִיךְ בִּין גִירֶעטֶעט גֶעוָוארִין אוּנ אִיךְ גְלוֹיבּ דָאס נוּר דִי קְמִיעָה הָאט מִיךְ אַיין גֶעהִיט פוּן אַלֶע צָרוֹת. — אִיךְ קֶען אַייךְ פוּן אַייעֶר גְלוֹיבֶּען מַיין הֶער נִיט אָפּ שְׁלָאגִין, הָאט אַנטאָנִיע גֶעזָאגְט, אַייעֶר גֶעשִׁיכְטֶע אִיז וואוּנְדֶער וואוּ אִיז יֶעצְט אַייעֶר פָּאטֶער? — אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קָאן אִים נִיט אוּנ אִיךְ וַוייס נִיט צוּ עֶר לֶעבְּט, אוֹיךְ וַוייס אִיךְ נִיט וואוּ מַיין בְּרוּדֶער אִיז אוּנ עֶר מוּז גֶעוִויס אַקְרִיסְט זַיין.

אִיךְ בִּין נַייגֶערִיג צוּ זֶעהֶן אַייעֶר קְמִיעָה, הָאט אַנטאָנִיע גֶעזָאגְט. — הִירָאנִימוּס הָאט אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן הַאלְז אַדְרַיי קַאנְטִיקֶעס פַּארְמֶעט וָואס אִיז גִיוֶוען וִויא אַבַּייטֶעל פֶערְנֵייט פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ אוֹיף אִים אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַבּוּכְשְׁטַאבּ ה:

דָאס אִיז מַיין נָאמֶען דֶער בּוּכְשְׁטַאבּ אִיז אַיוּדִישֶׁער הֵא.

אוּנ אוֹיף יֶענֶע צְווֵיי קְמִיעוֹת אִיז אוֹיךְ בּוּכְשְׁטַאבֶּען גִיוֶוען?

גֶעוִויס הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט, אוֹיף אֵיינֶעם הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אַבּוּכְשְׁטַאבּ י. דֶען מַיין בְּרוּדֶער הָאט גֶעהֵייסִין יַאכָאנָא (יוחנן) אוּנ אוֹיף דֶעם צְווייטֶען הָאט גֶעמוּזְט זַיין אבּוּכְשְׁטַאבּ מ. דֶען מַיין

פאטער האט געהייסען מאנסי (מנשה) . — אונ וואס ליגט איג-
ווייניג ? האט ער גיפרעגט . — דאס ווייס איך ניט , דען מיין
מוטער האט מיר פערזאגט איך זאל חלילה ניט עפינען דען עס
שטייט אנגעפאהר . — אנטאניע האט אפ שייד גענומען אונ איז
אוועק אהיים . אלס ער איז אין דער צווייטער גאס אריין האט ער
גיזעהן פיל בעוואפענטע מענשין נייען קעגין אים , אונ אלס ער איז
נעהענטער געקומען האט ער דערזעהן די אינקוויזיציאן פאליציא
מיט דעם יעזואיט העריקול גייען גלייך אין דער גאס וואו הירואנימוס
וואוינט . ווי אדונער שלאג וואר אים די בעגעגנים , אים האט די
הארץ געזאגט אז זיי גייען צו הירואנימוסן אונ אלס ער האט נאך
געקוקט פון הינטען האט ער בעמערקט דעם גראף לעווידוס דע קיניאן
יעצט האט ער שוין געוויס געוואוסט אז די פאליציי איז גיגאנגען
צו הירואנימוסן . זיין בלוט האט אים געקאכט , ער האט גאר אזוי
ווערטער אנגעכאפט דעם גראף פאר זיין גארגעל אונ האט נאך
איידער יענער האט צייט געהאט אוועקט ארויס לאזין אים דער
שטיקט מיט זיינע אייזערנע פינגער . נאדיר דיין לוין דוא טויטער
הונד , האט ער געזאגט אלס דער גראף איז גילעגין טויט צו זיינע
פיס דא האסט דו דיין געצאלט דאפיר וואס דו האסט אומגליקליך
געמאכט די עלינדע פאמיליע , דר באכענדער גאט זאל נאך דיין
פאר פלוכטער זעלע אין יענער וואר וועלט פערדאמטען .

6.

די רוהיגע פאמיליע אין הירואנימוס הויז האבין גאר ניט גע-
פילט דאס גרויסע אומגליק וועלכע שטייט איינינע מינוטען ווייט
פון זיי . אלס אנטאניע איז אוועק האבין זיי זיך אנגעהויבען צוא
לייגען שלאפין די שיינע רחל האט איר געוואונליכען שפרוך געזאגט
„ליבער בעסטער אנטאניע ווי ליב האב איך דיך !" אונ הירואנימוס
האט זיך פערשלאסין אין זיין שלאף צימער אונ האט געלייענט קריאת
שמע . זיין פרוי מארגארעטע האט שוין לאנג געשלאפין , עס האט
גיברענט אקליין פייער וואס האט געהאלטין ביי אוים לעשין זיך ווי
דר לעצטער שטראל פון גליק וואס בעלייכט דאס לעצטע מאל דעם

אומגליקליכען

אומגליקליכען, דער פרומער היראנימוס האט געזאגט ווארט אין ווארט קריאת שמע אונ אלס ער האט געהאלטין ביי די ווערטער והסר מעלינו אויב דבר וחרב ורעב ויגון טו אפ פון אונז פיינד פעסט, שווערד הונגער אונ טרויער" האט מען געגעבין אהאסטיגען קלאפ אין טיר. עס טרעפט אמאל דאס אמענש פילט פון אקליינינקייט די טריט פון אומגליק, אונ אשטים שרייט אים אין די אויערין: דוא ביזט אומגליקליך דו ביזט פערלארין אזו אשטים האט זיך אפ גערופין ביי היראנימוס'ן אין הארצען אלס ער האט דעם קלאפ אין טיר גיהערט, ער איז דערשראקין געווארין אונ האט אליין ניט גע־וואוסט די אורזאך פון זיין שרעק, ער האט עפעס ניט ווילענדיג ווידער געזאגט דיא ווערטער "והגן בעדינו והסר מעלינו אויב דבר וחרב ורעב ויגון". דער קלאפ האט זיך נאך שטארקער גיהערט, ער איז מיט שרעק צו גענאנגען צום טיר.

ווער איז דארטין? האט ער גיפרעגט. אין דעם נאמען פון דער אינקוויזיציאן עפין אויף די טיר האט אשטים אדונער געטאן פון הינטער דער טיר. דער נאמען אינקוויזיציאן איז שוין גענוג גיוועז צו בעדעקין די געזיכט פון דעם אומגליקליכען מיט אטויטער מאסקע, ער איז געבליבען ווי פון דונער געטראפין שטיין אויף זיין ארט אן געשפארט אן וואנט ער זאל ניט פאלין. די קלעפ זיינען וואס ווייטער שטארקער געווארין, ער האט זיך מיט אלע קרעפטין גע־שטארקט אונ איז ארין געלאפין אין שטוב אונ האט געגעבין א געשריי מארגארעטע! רחל! אנטלויפט ווי געשווינד איר קענט, די אינקוויזיציאן איז דא. — אין דער מינוט זיינען די ביידע פרויען ארויס געשפרונגען פון די בעטין ביי זייא האבין זיך געטרייסעלט די ציינער אין מויל זיי האבין אויס געוויזען ווי מתים פון די קברים אונ האבין גיפרעגט וואס איז דאס? פליט אנטלויפט רעטעט זיך! האט זיך דער אומגליקליכער פאטער גיבעטין:

די ערשראקינע דאמען האבין אבער קיין קרעפטין ניט געהאט אטריט צו געבין. — די לייט האבין דערווייל די טיר אויפגעבראכין זיי האבין גלייך די קליינע פאמיליע נעארעסטירט אונ האבין אן

געהויבען

געהייבען צו בעזוכען דאס הויז, דער אלטער יעזואיט חעריקול האט זיי געפירט אין קעלער אונ דא האבין זיי געפונען נאך מער ווי זייא האבין זיך געוואונשען, ספרי תורות, ספרים, מזוזות, עטליכע פאר טלית ותפילין, סדורים אונ אגרויסען זיבען רעריגען לייכטער. רחל איז פון שרעק אין אונמאכט געפאלין מען האט איר קוים ערמינטערט דער פאטער האט אויף איר געקוקט מיט ביטערע אויגען וויא מען קוקט אויף אגעשטארבענעם איינציג קינד, מארגארעטע האט גאר ניט געוואוסט וואס מיט איר איז זיא איז געוועזען וויא משוגע, דיא אינקוויזיציאן פאליציי האבין נאך צו געשאטין זאלץ אויף זייערע וואונדען, זייא האבין פון זייא געלאכט אונ נאכהער האבין זיי אלם פערזיגעלט, אונ האבין די אומגליקליכע דריי מענשין געפירט אין געפיינקעניס. — אויף מארגין האט זיך געשריבען אין א ליסאבאנר בלאט די ווערטער: אין דער גאס ... № האט זיך ענטדעקט איין פערפלוכטע יודישע פאמיליע, דער פאטער הייסט היראנימוס ער איז אונגעפער פופציג יאר, זיין פרוי אין עלטער פון פינף אונ פערציג יאר, אונ זיין טאכטער רחל די ערשטע שוינהייט אין ליסאבאן איין ניינצעהן יאר, די אינקוויזיציאן פאליציי האט דורך דיא הילף פון אפרומען יעזואיט געפונען ביי זיי אין קעלער אלער האנד יודישע ביכער אונ אזיבען רעריגען לייכטער אין וועלכער די מארגארעטע האט פאר געוויס אירע שבת ליכט גיבענשט.

היינט וועט זיי די אינקוויזיציאן אויף אדאפראס נעמען אונ אין קורצען וועט אונזער שטאט זייער שענדליכען טויט פייערין.

אויך האט זיך איין אומגליק געטראפין דעם גראף לעווידוס דע קיניאן דער טויט האט אים אין דער גאס ... B בעגעגינט מען האט אים אין דער גענאנטער שטראסע א דערשטיקטען געפונען, די פאליציי האט שטרייננגע אונטער זוכונגען גענומען דעם מערדער צו געפינען, דערוויל איז קיין שלאד פון מערדער ניט צו געפינען, נור מיר האפען דאס ער וועט פון דער געריכט ניט אנטלויפין.

די שטאט האט גערוישט פון דיזע נייס, פיל מענשין האבן בעדויערט דעם עהרליכען היראנימוס, פיל יונגע מענשין האבין אין

שטילען

שטילין פרנאסין טרעריך אויף דר שיינר רחל'ס אומגליק, אלע האבין גירעכינט דאס זיא איז שוין פרלארין, דען די אינקוויזיציאן איז ריכטיג וויא דעם טויט גיוועזן צוא בעטראכטין, האט זיא נור איינעם אין אירע הענט אריין גינומען אזו איז ער שוין גימאלס ארויס לעבענדיג.

7.

נור איין מענש אין גאנץ ליסאבאן האט גיקלערט וועגין דר אום גליקליכער פאמיליע, אונ האט גיזוכט פלענער וויא איר צו רעטין, דאס איז גיוועזן אנטאניע אלעס ער איז דאמאלס (נאך דעם אז ער האט דעם גראף לעווירוס זיין לוין בעצאלט) אהיים גיגאנגען האט ער אנגיהויבן צו קלערין וואו צו קריגין הילף ארויס צוא רייסין זיין רחל'ן מיט אירע עלטערין פון דיא לייבענצייגער, פיל טרערין האבין יענע נאכט זיינע אויגין פארגאסין, פיל גידאנקען האבין זיך אין זיין קאפ גימישט, ער האט אבער קיין ראט ניט גיפונען וויא זייא צו העלפין, אגאנצע נאכט איז ער ארום גילאפין הין אונ צוריק איבער זיין צימער, דיא פארבין האבין זיך אים יעדין אויגינבליק אין גיזיכט געביטען ווען ער האט זיך נור דערמאנט אז רחל ליגט יעצט אין אפינסטערין טיפין גיפיינגנעס, זייגן זייגע אויגין גיווארן פול מיט פייער, אונ זיין הארץ האט גיקלאפט.

אים איז אריין גיפאלן אגידאנק פיליייכט וועט ער איר קאנען פיר געלד ארויס קויפין פון די מענשין וועלכע היטין איר, דער גידאנק האט אים ערקוויקט, ער האט גאר לאנג ניט גיקלערט אונ איז גילאפן אין זיין פאטערס צימער וואו זיין פאטער פלעגט אימער זיינע געלט האלטין, אין דעם צימער איז ער נימאלס גיוועזן דען זיין פאטר האט קיינעם ניט אהין גילאזט, ער איז דאס מאל אריין דען דער פאטער האט שוין לאנג גישלאפין, ער איז צו גיגאנגען צום קאסטין וואו די געלט איז גילעגין זיא איז אבער גיוועזן פעסט פר שלאסין, דא האט ער גירופין זיין האנד צו הילף אונ האט מיט זיין אומנאטירליכן קראפט די קאסטן אויף גיעפינט, אונ אלס ער האט אנגיהויבן זוכין צווישין די פאפירין האט ער אויס פרוואונדערונג פון ארט ניט גיקענט אפטרעטין, דען ער האט דארטין גיפונען אקמייע פונקט ווי ער האט גיזעהן ביי הידאניטוס'ן אונ אויף איר איז גיוועזן אין ׳.

וואס איז דאס? האט ער זיך אליין גיפרעגט הירואנימוס האט מיר גזאגט דאס די דריי קמיעות וועלכע זיין גרויספאטר האט איברגילאזן אים מיט זיין פאטר אונ ברודר זיינן אלע גלייך, אונ אויף דעם ברודרס קמיע דארף זיין איין י. זא איז דאס גיוויס די קמיע, ווייא זע קומט זיא צו מיין פאטר אין קאסטן? מיין פאטרס נאמן הייבט זיך ווירקליך אויך אן מיט א י. יאאן אונ דר נאמן איז ערהנליך צו יאכאנא, זאל איך גלויבן מיין פאטר איז?.. א ניין! דאס קאן ניט זיין, דאס איז אונמיגליך! אונ פילייכט איז דאס ווירקליך אזו? דען ער האט דאך מיר גזאגט דאס זיין ברודר דארף זיין אוואר קריסט. מיין גאט! די האר שטעלן זיך מיר ווען איך דר מאן זיך פילייכט איז הירואנימוס ווירקליך מיין פאטרס ברודר. דיא גידאנקען האבן אים אזו פיל צו רודרט דאס ער האט זיך גינומן די עזות אריין גיין צו זיין פאטר אין צימר אונ אויפוועקן אים. דר פאטר האט זיך זייער ער שראקן אלס ער האט גיזעהן ווי זיין זון שטייט דא בלאס ווי דר טויט. אונ וועקט אים אויף. וואס איז דאס? וואס פר אאונגליק איז גישעהן? האט ער זיין זון גפרעגט. פערצייהע דאך מיר פאטר וואס איך האב דיר פון דיין רוהע גישטערט, האט אנטאניע גיזאגט, איך האב צו דיר איינע וויכטיגע ביטע און וועלכע עס היינגט מיין לעבן. דר ערשראקענער פאטר איז אויפגשטאנען פון בעט האט זיך אנגקלייט אין אשלאפראק אונ האט גזאגט: זאג מיין זון אין וואס בעשטייט דיין ביטע. דיין לעבן איז ביי מיר זייער טייער אונ מיין גאנץ פרמעגן גיב איך פר אים אב. זאג דאך מיר ליבר פאטר: דו האסט אמאל גיהאט א ברודר? וואס איז דאס פר א פראגע? האט דר מיניסטר גיפרעגט פרוואונדרט אן דר פראגע היינגט מיין לעבן פאטר! האט אנטאניע געגנטפערט. איך פר שטיי דיר ניט נור אויף דיין פראגע אנטווארט צו געבן זאג איך דיר דאס איך האב גיהאט א ברודר אונ וואו איז ער ווייס איך ניט דען נאך אלסקינד האבן מיר זיך גישייט, ווי אזו האט איר זיך גשייט? איך בעט דיר פאטר אנטווארטע! מיין פאטר האט אונז גשייט דען ער האט אונז גוואלט רעטן פון אונזר מוטר וועלכע איז גוועזן איינע יודין האט ער מיר ארויס גירימן פון אירע הענד אונ מיין ארימר ברודר איז ביי איר גיבליבן, אנטאניע איז גפאלן אויף די קניא אונ אויף הייבענדיג די הענט צום הימל האט ער גיזאגט.

ווי גרויס דיינע וואונדר זיינען גרויסר גאט! איך פערשטיי נאך אלין ני ט וואס דו ווילסט, האט יאאן גזאגט. פאטר האט אנטאניע אגשריי גיטאן אלס ער האט זיך אויף גריכט פון ארט, פאטר! איך קאן דיר אפגעבין אנעריס פון דיין ברודר איך האב אים היינט גזעהן, מיין ברודר האסטו גזעהן? מיין ברודר? האט יאאן גשריען, יא פאטר דיין ברודר היראנימוס, איך האב מיט אים גרעט, מיין ברודר היראנימוס? מיין גאט וואס האער איך? וואו איז ער? ער איז אין די טיפע קעלערן פון דער אינקוויזיציאן האט אנטאניע גיענטפערט מיט אגוויין, וואס האער איך? אום גאטעס ווילן מיין זון זאג מיר וואס איז דאס? אנטאניע האט אלאנגע צייט ניט גקענט ענטפערן זיין פאלעס הערץ האט זיך גמוזט פריער אויס ליידיגן דורך די ביטערע טרערן וועלכע האבן ווי אשטראמיגער קוואל וואסר גישטראמט דורך זיינע אויגין, זיין פאטר איז ווי אויף הייסע קוילין גשטאנען די גאנצע צייט ביז אנטאניע האט גקענט ריידין, דאן האט ער דעם פאטר אלץ דרצייילט, דר מיניסטר איז פרציטערט געווארן הערינדיג דעם זונס רייד ער איז אויך אויף די קניא גפאלן אונ מיט אגוויין האט ער גישריען מיין ברודר! מיין אריטר ברודר! פאטר! מען טוז ארטה זוכין ווי דיין ברודר צו רעטן, האט אנטאניע גזאגט, דו ווייסט דאך אז אמינוט איז צו פיל, איך האב קיין ראטה מיין קינד, האט דר מיניסטר געענפערט מיט אוויינענדיגע שטימע, אך מיין אונגליקליכער ברודר דו ביזט פר לארין, איך האב שוין לאנג גקלערט דאס דיין ענדע וועט אזו זיין דען איך האב גוואוסט דאס דו מוזט זיין אגיהיימר יוד, פאטר דיין פאטר איז שוין טויט? האט אנטאניע גפרעגט, איך ווייס ניט איך האב אים שוין פון 20 יאר ניט גיזעהן ער האט אמאהל בעגאנגן ער האט איינע פרוי גנומען, דרום איז ער אנטלאפן אונ איך ווייס ניט ביז היינט וואו ער איז.

8.

ביז טאג איז דר פאטר מיט דעם זון גיזעסן אונ האבן גרעט וועגן דעם אונגליקליכן היראנימוס מיט זיין פרוי אונ טאכטער, אנטאניע האט אים דרציילט דורך וועלכע זאנדרבארע טרעפונג ער האט זיך ערקאנט מיט די שיינע רחל, יאאן האט אינדעם געטליכעס גיזעהן, אונ דאס האט אים גיגעבן האפנונג דאס גאט וועט זיין אונגליקליכן ברודר העלפן, אלס

אנטאניע

אנטאניע האט אים ערציילט פון דעם יעזואיט העריקול וועלכער איז מיט גנאנגן מיט דר פאליציי האט אים דר מיניסטר גזאגט: איך וואלט דיר ראטהן דו זאלסט זיך מיט דעם יעזואיט זעהן, די יעזואיטן זיינן פר געלט אלס פערטיג צו טאן, איך דיינק דאס ער אליין וועט זיך צו ליב דאס געלט בעמיהען זייא צו בעפרייען, איך וואלט נאך ראטין דאס דו ליבר פאטר זאלסט זיך אויך בעמיהן מיט מיר צו דעם יעזואיט אריין גיין דען ביי אים וועט דאס די גרעסטע עהרע זיין ווען דו וועסט אים עטוואס בעטין, איך וועל אויך גיין צו אים, האט דר מיניסטר גיענטפערט, אונ ביידע דר פאטר מיט דעם זון זיינן אוועק גפארן צו דעם יעזואט העריקול זיי האבן זיך קוים צו אים דר פרעגט, דר יעזואיט העריקול האט גיוואונט אין אקליין שטיבעלע אין איינע פון די אבגזאנדרטע גאסין ליסאבאנס, אלס די צוויי געסט זיינען צו אים גיקומן האט ער פעסט גישלאפין, זיין דינער האט זיי אריין גנומן אין אבעזונדר צימר אונ האט זיי גיבעטן זיי זאלין דא ווארטין ביז ער וועט אויף שטיין, מיר האבן אבער קיין צייט ניט צו ווארטין גיי וועק אים אויף האט אנטאניע גזאגט, איך קאן ניט וועקין מיין הער! האט דר בעדינטר געענטפערט אויב איר ווילט קאנט איר אים גיין אויף וועקין, איך וועל גיין האט אנטאניע גיזאגט אונ איז צריין אין דעם יעזואיטס שלאפצימר, ער איז צו גגאנגן צו זיין בעט, אונ האט גזעהן ווי ער ליגט די העמד פאנאנדר געשפילעט, ער האט אקוק גטאן ביי אים אויפן הערצין האט ער גגעבין אגעשריי פון שרעק, אזו אגישריי דאס דר יעזואיט האט זיך אויף גחאפט גיט טויט ניט לעבדיג פאטר גיב אקוק וואס דא איז, האט אנטאניע אגישרייא גיטאן צו זיין פאטר, דר מיניכטר איז אריין גלאפן אונ האט דר זעהן ביי דעם יעזואיט אויפן הערצן אקמיע פונקט ווי זיינע, אונ אלס ער האט זיך גוט צו גקוקט צו דעם יעזואיט האט ער גגעבן אגשריי מיט איין זאנדערבארע שטימע פאטר! אונ איז אין אונמאכט גיפאלין מיין זון, האט דער יעזואיט אויך אגשריי גטאן פאלענדיק דעם אונמעכטיגן מיניסטר אויף די הענד, אונ האט אים אנגהויבן צי טרייסלן ווען טרערן האבן גירונען פון זיינע אויגין, מיין זון, מיין טייערער זון דר מיניסטר האט אויף געפינט די אויגן, אונ האט זיך באלד ארויס גיריסין פון דעם אלטינס הענד. לאז מיר, האט

ער

עֶר גִישְׁרִיעֶן, אִיךְ פִירְכְטֶע זִיךְ פַר דִיר. אִיךְ שְׁרֶעק מִיר. מַיין לִיבֶּער זוּן, הָאט זִיךְ דֶר אַלְטֶער גִיבֶּעטִין, וָואס שְׁרֶעקְסְטוּ זִיךְ פַר מִיר? אַךְ וָוען דוּ וָואלְסְט נָאר וִויסִין וִויפִיל טְרֶערִין אִיךְ הָאבּ פַרְגָאסִין אוּנ וִויפִיל אִיךְ פַר גִיס יֶעדִין טָאג זִיךְ דֶרְמָאנֶענְדִיג אָן דִיר, דֶען אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג פִיר טוֹיט גֶערֶעכִינְט גְלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט מִיר דֶרְלֶעבְּט דִיר צוּזֶעהְן, אָ נִיט פְלִיה, נִיט אַנְטְלוֹיף מַיין לִיבֶּר טַייעֶרֶער זוּן, לָאז דָאךְ, עֶרְלוֹיבּ מִיר דַיין אַלְטִין פָאטֶר דִיר אַקוּשׁ צוּ שֶׁיינְקֶען, אִיךְ וַוייס אַז אִיךְ בִּין דָאס נִיט וֶוערְט, נָאר אִיךְ בִּין דָאךְ פָארְט דַיין פָאטֶער. אִיךְ מוּז פוּן דִיר אַנְטְלוֹיפִין, דוּ קֶענְסְט מִיר נָאךְ אוֹיךְ אַזוֹ אוּנְגְלִיקְלִיךְ מַאכִין וִויא מַיין אָרִימֶן בְּרוּדֶר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, הָאט דֶר מִינִיסְטֶר גִיזָאגְט אוּנ הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ וַוייגְט, דַיין בְּרוּדֶר? וֶועלְכִין בְּרוּדֶר? וָואס פַר אַ פַאמִילְיֶע? הָאט דֶר אַלְטֶער גִפְרֶעגְט דֶרְשְׁרָאקִין, דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וֶועלְכֶר בְּרוּדֶר? אַךְ דוּ שְׁלֶעכְטֶער פָאטֶער וִויא הָאסְטוּ קַיין מִיטְלַייד נִיט גִיהַאט אוֹיף דַיין זוּן הִירָאנִימוּס, אוּנ אוֹיף זַיין פְרוֹיא אוּנ קִינְד אוּנ הָאסְט זַיי דֶר אִינְקְוִויזִיצְיָאן אִין דִי הֶענְד אִיבֶּר גִגֶעבִּן, מַיין זוּן הִירָאנִימוּס? הָאט דֶר אַלְטֶער גִיפְרֶעגְט מִיט שְׁרֶעק, אִיז דֶען דֶר הִירָאנִימוּס מַיין זוּן? וָואס רֶעדְסְטוּ? דַיין זוּן! דַיין זוּן אִיז דֶר אוּנְגְלִיקְלִיכֶר הִירָאנִימוּס. דוּ הָאסְט אִים זַיינֶע יָארִין גִיקִירְצְט. דוּ הָאסְט זַיין פַאמִילְיֶע אִין פַייעֶר גִוָוארְפִן דֶר אַלְטֶער אִיז גְפַאלִין אוֹיף דֶר עֶרְד הָאט אַרַיין גְלֵייגְט דִי קָאפּ צְוִוישֶׁן בֵּיידֶע הֶענְט אוּנ הָאט יָאמֶערְלִיךְ גִיוַויינְט בִּיז עֶר הָאט גִירִירְט דִי הֶערְצֶער פוּן דֶעם מִינִיסְטֶר מִיט זַיין זוּן, וֶועלְכֶר אִיז גְשְׁטַאנֶן אוּנְבֶּעוֶועגְט אוּנ הָאט צוּ גְקוּקְט דִי סְצֶענֶע, זַיי הָאבִּן אִים אוֹיפְגְהוֹיבִּן פוּן דֶר עֶרְד אוּנ הָאבִּן אִים גְזוּכְט צוּ טְרַייסְטִן. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּר נִיט גִוָואלְט טְרַייסְטִן, לָאז מִיר! לָאז מִיר! הָאט עֶר זִיךְ בַּיי זַיי גְבֶּעטִן, לָאזְט מִיר וַויינֶן בִּיז מַיין אוּנְרֵיינֶע זֶעלֶע וֶועט דֶר טְרוּנְקֶן וֶוערִין אִין מַיינֶע טְרֶערִין בִּיז מַיין זִינְדִיגֶר קֶערְפֶּר וֶועט אוֹיף שְׁטִיקֶר צוּ פַאלִין. זוּךְ בֶּעסֶער אַרַאטֶה צוּ בֶּעפְרַייעֶן דַיין אוּנְגְלִיקְלִיכִין זוּן פוּן זַיין תְּפִיסָה. הָאט דֶר מִינִיסְטֶר גִיזָאגְט. דֶר אַלְטֶער הָאט זִיךְ פַר קְלֶערְט, אוּנ הָאט זִיךְ וִויא פוּן אַשְׁטַארְקִין שְׁלָאף אוֹיף גִיכַאפְּט אִיךְ הָאבּ אֵיין רַאטֶה! הָאט עֶר גִיזָאגְט, הַיינְט אָבִינְד אִיז מַיין זוּן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע בֶּעפְרַייט.

**אִין יֶענֶעם אָבִינְד זַיינֶען גְקוּמֶן זֶעקְס אִינְקְוִויזִיצְיָאנֶר פָאלִיצַייסְקֶע**

צו די וועכטער פון הירואניטוסעס גפיינגנים, מיט זיי וואר אויך דער יעזואיט העריקול אונ האבן גפאדערט אין נאמן פון דעם גרוים אינקוויזיטער דיא גיפאנגענע פאמיליע אין דעם פאלטער זאל *) צו פירין. די וועכטער זיינן גגאנגן ארויס נעמן די גפאנגענע. אין אקליין אונטער ערדישן צימרל וואס וואר בעלייכט נאר מיט איינינע זאנגנשטראלן וואס האבין זיך אין אים דורך אשמאלין ארט אריין גשיינט זיינן גילעגין אונזערע דריי בעקאנטע פערזאנן הירואנימוס מארגארעטע אונ רחל זיי זיינן גילעגין אדר גיזעסין אויף די נאסע פייכטע ערד, דען שטעלן זיך איז גיוועזן אונמיגליך, יעדער מינוט פלעגט דורך פליהן איבר זייערע נעזיכטער אמויז פון אווינקל אין אין דעם צווייטן. אונ ווען איינר פלעגט געבן אשארך הינטער זייער טיר האבן זיי גמיינט דאס מען קומט שוין נאך זיי אום אין פאלטער זאל זיי צו פירין. הירואנימוס איז דעם גאנצן טאג גזעסין שטיל אויף זיין ארט, ער האט מער ניט יעדין אויגענבליק אבליק גטאן אויף זיין שיינע טאכטער די בליהנדע ראזע וועלכע דארף באלד אבגפליקט ווערן. אך! וויפל האט ער זיך בעמיהט פון אירט וועגין, ווען זיא האט ניט מיט אפעטיט גגעסין איז ער אונ זיין ווייב העכסט אונרוהיג גוועזן. אונ יעצט ליגט די איידלע טאכטער אויף די פייכטע ערד, זיא האט אגאנצן טאג ניט גגעסן אונ קיינם קימערט גאר ניט איר עפעס אונטער צו טראגן. איר פרשמאכטע זעלע צו ער קוויקן. די שיינע רחל איז גוועזן פרטיפט אין פינסטערע גדאנקן, זי האט זיך דר מאנט אז זי דארף זיך זא יונג שיידן פון דר וועלט. פון אנטאניען, זיא דארף מיט אזו אזאנדרבארן טויט שטארבן. נאך מער פון איר טויט האט איר גקימרט דר אונערווארטעטער טויט פון אירע עלטערן. זיא האט ניט גקענט זעהן ווי זיי מוטשין זיך. זיא האט אויך גאר ניט גרעט אונ האט יעדר מינוט ערווארטעט איר ענדע, עס איז איבר גגאנגן דר טאג אונ עס איז גקומן די נאכט. די אונגליקליכע פאמיליע זיינן גזעסן אין דר פינסטער, דען קיין ליכט האט מען זיי ניט גיגעבן. אונ די זון האט אירע שטראלין

אויך

*) פאלטער זאל ווערט אן גרופין דער זאל וואו מען פלעגט דיא גפאנגענע יסורים אן טאן זייא זאלן זיך אויף זייערע חטאים מודה זיין. אין וואס דר פאלטער איז בעשטאנען. ווייסין שוין גיוויס אלע לעזער.

אויף פערבארגן, רחל האט זיך גירוקט צו די עלטערן און האט גילייגט איר קאפ אויף דעם פאטערס שויס. זיא האט אלע ווייליע גפילט אהייסין טרער אויף איר באק די טרערן זיינען גגאנגען פון איר פאטערס אויגן. זי האט אויף אירע טרערן קיין איינהאלט ניט גיקענט געבין. אלזא האבין זיך זייערע טרערן צוזאמענגמישט אויף אירע באקן, ארימע מענשן! קיינער קאן ניט פארשטעלן אייער אינערליכן שמערץ. נאר דר איינציגר גאט דער האט געזעהן די צרות וואס זיינען מיט דערפינסטערע נאכט געווען פרדעקט.

ווי זיי זיינען אזוי גלעגין שטיל האט זיך פלוצלונג די טיר אויף גיעפינט, איינינע פאקעלן האבן בעלייכטעט דעם פינסטערן וואוינונג, און אטירא-נישע שטים האט גישריען: קריכט ארויס מייז פון אייערע נארעס! מיר וועלן אייך אין טאנץ זאל פירן, דא האט ארויס גשפארט אגוויין פון דריי העלדזר. אגוויין וואס האט גיקאנט צורייסן די הארטעסטע הערץ, און צושפאלטן דעם שטארקסטין טיראן. די דריי אונגליקליכע זיינען ארויס גגאנגען די פאליציישקי האבן זיי ארום גנומען און האבן זיי ארויס גיפירט אין דר שטראסע. דא זיינען גישטאנען דריי עקיפאזין, מען האט יעדערין אריין גזעצט אין א עקיפאז מיט צוויי בעגלייטער. וויא זייא האבן זיך אריין גיזעצט האבן די פערד אנגיהויבן צו יאגן גשווינד ווי אדלר. רחל האט גהאלטן פרשטעקט איר גזיכט צווישן פיידע הענט און גוויינט נאר ווי דר עקיפאז האט אנגיהייבן צו פליען האט איר אבעגלייטר ארום גנומען און האט גזאגט וויין ניט מיין טייערסטע רחל! אנטאניע?!..אנטאניע?!

האט רחל אגשריי גטאן אלס זי האט ערקענט אנטאניעס שטימע. זי איז אים אין די הענט אריינגפאלן און האט זיך אזוי פאנאנדר גוויינט דאס עס איז אונמיגליך גוועזן איר איינצושטילן. זי האט מער ניט ווי איינינע מאל גזאגט אנטאניע! איך בין דאס מיין טייערסטע! שרעק זיך ניט דיגפאר איז שוין פאראיבר. אבר רחל האט אלס ביטר גוויינט זיא האט פעסט איר ליבענדן ארום גנומען און האט אים שיר אין אירע הענט ניט צודריקט זאל איך דאס גלויבן? „האט זיא גזאגט" דו מיין טייערר ביזט לעבן מיר? א פערלאם מיר שוין ניט! לאז מיר שוין ניט גיין צוריק אין גפיינגעניס.

די עקיפאזן האבין זיך אבגשטעלט אונטערן שטאט, לעבין דעם מיניסטערס הויז דארטן זיינען זיי אראפ, און האבן אריינגיפירט די גפאנגענע אין א

פערפוצטען

פערפוצטין בעלייכטן זאל, דא האבן ערשט דיא גפאנגענע דער קענט
אנטאניען פערקליידעט אין פאליצייסקי קליידער, איידר הירנימוס
האט צייט געהאט ריידין אוואָרט זיינן אים צוויי מענשין איבר גפאלן
אונ האבן גשריגן מיין זון! מיין ברודר! מען האט אים אנגיהויבן קושין
פון אלע זייטן ער האט זייא אנגעקוקט אונ האט גאר ניט פערשטאנען
וואס דא איז, ער איז אבר באלד גוואר גיווארין וואס דאס איז דען דר
פאטר מיט דעם ברודר האבין אויס גטאן זייערע קמיעות אונ האבין
אים גוויזין, דא איז דר הירנימוס גיפאלין אין אונמאכט. מיט אגשריי
פאטר, ברודר, מען האט אים באלד אויפגעמינטערט אונ עס האט זיך
גיהערט אגיוויין מיט איאמער. אגיוויין וואס אונגליקליכע ווינן בשעת
דער גליק קומט זייא פלוצלונג אין די הענט. נאך דעם אז יעדינס הערץ
איז לייכטר גווארן האט אנטאניע גזאגט צו רחלן: יעצט מיין ליבע רחל
זיינן מיר שוין ניט ווייט איינער פון דעם אנדערין. יעצט קאנען מיר זיך
אויף עוויג פערבינדין. מיר שטאמען פון איין פאמיליע פון איין גלויבן.
יא טייערע קינדר, האט הירנימוס גיענטפערט, איך זעה דאס די אלע
אומשטענדע האבין זיך גימאכט נאר אום אייער גליק אויף צו שטעלן.
איר זייט איינע פר דיא אנדערע בעשאפין גיווארין. דאך וואו איז דער
פאטר? האבן הירנימוס אונ יאאן גפרעגט אלס זיי האבן גיזעהן דאס
זייער פאטער איז פערשוואונדען גיווארין. אדינער האט אריין גטראגן
אבריף אין וועלכין עס זיינען די ווערטער גישטאנען: טייערע קינדער,
דעם גליק וואס גאט האט מיר דא גיגעבין בין איך ניט ווערט, איך בין
צופיל זינדיג. דרום מוז איך פליהען. איר זאלט מיר ניט זוכין דען בשעת
איר וועט לעזין דעם בריף וועל איך זיין ביי גאט. אייער זינדיגר פאטער
טאנסי. — די קינדער האבין זיך דר שראקין לעזענדיג דעם בריף אונ
זיינען אומרוהיג גיווארין. נאר די צייט האט זיי ניט ערלויבט זוכן זייער
פאטר זיי האבין זיך גישראקין פאר דער אינקוויזיציאן, אונ נאך אין
יענער נאכט זיינען זייא אנטלאפין פון פורטוגאל נאך ענגלאנד דארטין
לעבן נאך עד היום זייערע אייניקלך. דאס איז די פאמיליע מענצעקטרי.

14175